כסלו, תשל״ב

# פּיאָנער פרוי

די ציוניסטישע אַרבעטער פֿרויען אָרגאַניזאַציע



יצחק הייבלום:

# אַ שמועס מיט יעקב גלאַטשטיין



יעקב גלאַטשטיין

מיט גרויס צער דרוקן מיר דעם שמועס מיט יעקב גלאַטשטיין. די שרעקלעכע בשורה פון זיין פלוצימדיקן טויט האָט אונדז דערגרייכט ווען מיר זיינען געגאַנגען צום דרוק. דאָס איז וואַרשיינלעך דער לעצטער אינטערוויו וואָס ער האָט געגעבן וועלכער עס איז צייטשריפט.

רעד.

הייבלום: פריינט גלאַטשטיין, איר ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע פּאָעטן וואָס מיר פאַרמאָגן. אייערע שאַפונגען געהערן נישט נאָר צו אונדז יידן, נאָר צו דער גאַרער וועלט. ווען איר האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער פּאָעזיע האָט מען אייך אַוודאי באַגעגנט מיט אָפענע אָרעמס.

גלאַטשטיין: ס׳וואָלט אפשר געווען דראַמאַטישער ווען כ׳וואָלט זיך געקאָנט באַרימען, אַז מען האָט מיך אָפּגעשטויסן און איך האָב זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג מיט גרויסע שוועריקייטן. אָבער מ׳האָט מיך זייער גוט אויפגענומען, ממש מיט אָפענע אָרעמס, ווי איר זאָגט, אָבער מען האָט פון מיר געוואָלט אַרויסטרייבן דעם דיבוק פון אינזיכיזם. ס׳איז אויסגעקומען אַזוי: טויגן טויג ער. אָבער ווי אַ אינזיכיסט טויג ער נישט. דאָס איז געווען נאָך איידער מ׳האָט רעכט צעקייט וואָס אַזוינס ס׳מיינט — אינזיכיזם. מ׳האָט מיך אויך געוואָלט אָפּרעדן און אָפּ׳גט׳ן פון מיינע חברים. איך בין דאָך געקומען מיט אַ גרופּע, און די גרופּע איז נישט אַזוי גוט אויפגענומען געוואָרן. איך האָב זיך דערפאַר נישט געקאָנט אינגאַנצן פרייען מיט דעם גוטן אויפנעם וואָס איז מיר באַשערט געווען. ווי אַ לאָיאַלער אינזיכיסט האָב איך זיך גאַנץ אָפט געמוזט אָננעמען פאַר מיינע חברים און אַרויס אין קאַמף קעגן מיינע גוטע אויפנעמערס. ש. ניגער האָט געשריבן דריי אַרטיקלען וועגן דער אינזיכיסטישער גרופּע, אָנגעהויבן זייער גוט און אויסגעלאָזט האָט ער אַז די גרופּע האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. וועגן מיין ערשטן בוך, מיטן אַרויסרופערישן נאָמען — „יעקב גלאַטשטיין", האָט ער געשריבן אַז איך דאַרף נישט די גרופּע, ווייל איך האָב טאַלאַנט. געווען דעמאָלט אַזעלכע זשורנאַליסטן וואָס האָבן געשריבן פּראָסט־פּשוט, אַז מיר זענען משוגע. איך האָב דערפאַר תמיד זיך געראַנגלט מיט דער פּערזענלעך צוגעטיילטער אָנערקענונג אין דעם פאַראייניקטן קאַמף קעגן דער גרופּע. דער קאַמף איז אָפט געווען אַ הייסער, און ווי אַ יונגער פּאָעט איז מיר דער קאַמף גופא וואויל געפעלן.

הייבלום: וואָס האָט מען געהאַט צו אייך? אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דער קאַמף?

גלאַטשטיין: קודם, מיר זיינען געקומען מיט פרייען פערז, וואָס מיר האָבן אַרויסגעהויבן אין אונדזערע לידער. מ׳האָט פאַר אונדז אויך צייטנווייז געשריבן אַ שלעכטן פרייען פערז, וואָס איז אָדער אַריינגעפאַלן אין פּשוטער פּראָזע, אָדער ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם לאַקריץ וואָס מען האָט גערופן — פּאָעזיע אין פּראָזע, וואָס האָט זיך אַמאָל געהאַט אָנגענומען אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין דער פּוילישער, דייטשישער, אַפילו פראַנצויזישער און נאָרוועגישער. דעם אמת׳ן פרייען פערז, דעם וויטמאַנישן, וואָס זיין שורש איז דער תנ"כישער ריטם פון „אז ישיר", האָבן מיר געבראַכט אין אונדזער יידיש ליד. גוטער פרייער פערז איז דיקטירט פון פּערזענלעכן אָטעם פון פּאָעט. אָט דער פרייער פערז איז געווען פרעמד אונדזערע קריטיקערס. זיי זיינען בפירוש געפּלעפט געוואָרן, ווען פיש איז געבליבן הענגען ביי אַ סוף שורה און נישט געדעקט געוואָרן מיט טיש. זיי זיינען פּשוט נישט געווען צוגעוואוינט צו לייענען אונדזערע לידער. מיר זיינען אויך געווען די ערשטע וואָס זיינען אַרויס קעגן אַ חרם אויף טעמעס פאַר פּאָעזיע. מיר האָבן געהאַלטן אַז דער פּאָעט קאָן זיך אַן עצה טאָן מיט אַלערליי טעמעס. די יונגע וואָס האָבן אַ סך אויפגעטאָן אין פּרט פון ראַפינירן דאָס יידישע לשון האָבן זיך צוריקגעצויגן פון אַ סך לעבעדיקן פּאָעטישן אינהאַלט. מיר זיינען געקומען און ווי אַן עקסטרעמען משל האָבן מיר געזאָגט, אַז אַפילו וואַלן קאָנען און מעגן ווערן אַ טעמע פאַר אַ ליד. מיר האָבן געהאַלטן אַז אַלץ וואָס אַ פּאָעט שרייבט איז — ליריק, ס׳מוז נישט בלויז קלינגען פאַרחלומט, מיט בלוי פאַרהויכטע שויבן. די יונגע האָבן רעוואָלטירט קעגן די שופר׳דיקע נאַציאָנאַלע לידער פון די עלטערע פּאָעטן, אָדער קעגן סאָציאַלע לידער, וואָס די יונגע האָבן געהאַלטן פאַר צו פּראָזאַאיש. מיר, די ניי־געקומענע, האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרוואַנדלען אַפילו צייט־טעמעס אין פּאָעזיע. מיר האָבן געהאַלטן אַז פאַר אַ פּאָעט איז בכלל אַ גרעסערער אויפטו צו שווימען קעגן סכנות פון נישט־פּאָעזיע און מאַכן דערפון — ליד. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט דער קאַמף קעגן אונדז.

הייבלום: אַ סך קריטיקערס צעטיילן אייער אַרבעט אין צוויי פּעריאָדן, ווען איר האָט געשריבן, אַזוי צו זאָגן, שפּילעוודיקע לידער און אין די פערציקער יאָרן, ווען איר זענט אויפסניי געבוירן געוואָרן מיט אייער אַלאַרם־ליד „אַ גוטע נאַכט וועלט".

גלאַטשטיין: איך ווייס וועגן דער דאָזיקער קינסטלעכער איינטיילונג, וואָס איז אין תוך נישט אמת. דער מאָדוס איז געווען אַז אין אָנהייב בין איך געווען צו מאָדערניסטיש און מיטאַמאָל, ווען ס׳איז געקומען די היטלער־קאַטאַסטראָפע, האָב

איך אָנגעהויבן שרייבן נאַציאָנאַלע לידער און בין געוואָרן, ווי זיי רופן עס, אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט. איך אָנערקען נישט די דאָזיקע צעטיילונג. איך האַלט אַז ס'איז פאַראַן אַ פּאָדעם וואָס בינדט אַלע מיינע לידער מיט דעם סאַמע ערשטן ליד, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט — 1919, וואָס מען געפינט אין מיין ערשטן בוך לידער. דאָס איז געווען אַ מלחמה־ליד, פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט 50 יאָר צוריק. אָבער אין מיין ערשטן בוך געפינט מען אויך אַן אַנטי־מלחמה ליד, ווי דער „שטאָלצער קיניג", וואָס אַ גרויסער ענגליש־קאַנאַדער פאַרלאַג, האָט געלאָזט איבערזעצן, כדי עס אַריינצונעמען אין אַ טעקסט־בוך פאַר די מיטל־שולעס. אויך אַ ליד וואָס כ'האָב געשריבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק און מען געפינט עס שוין אין מיין ערשטן בוך; ווי מען געפינט דאָרט אַזאַ ליד קעגן אַסימילאַציע „די לעצטע שעהן פון מיין האר", אַ ליד וואָס זאָגט־אָן חורבן פון מענטשלעכן מין, ווי „האָמאָ", אויך גאַנץ היינטצייטיקע סעקס לידער. מיר גייט נישט אין אַרויסשטעלן מיין קאַפּיטאַל, נאָר אין אָנווייזן, אַז די וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז כ'בין געקומען אַ שפּילעוודיקער און פּלוצים איז אויף מיר אַרויפגעשפּרונגען דער ערנסט, זיינען קאַטעגאָריש נישט אמת. ס'איז אין מיר נישט פאָרגעקומען אַזאַ דראַסטישער איבערבראָך, ווי טייל ווילן מיר און זיך איינרעדן. איך האַלט דערפאַר, אַז אַ פּאָעט דאַרף אַרויסגעבן יעדע עטלעכע יאָר אַ בוך לידער, כדי צו פאַרצייכענען זיינע ביאָגראַפישע עטאַפּן. אַז מען לייענט פאָרזיכטיק מיינע לידער, זעט מען אין זיי דעם פולן המשך, דער זעלביקער פּאָעט ווען ער איז געווען יונגער און ווי ער האָט זיין אייגענע יונגשאַפט געעלטערט, ברוך השם, אָבער די פּאָעטישע אינטערעסן מיינע זיינען פון תמיד אָן געווען די זעלביקע.

הייבלום: צו אייער פינף און זיבעציקסטן געבוירנטאָג איז דערשינען אייערס אַ בוך לידער, איך האָב געלייענט אַז מיר קאָנען דערוואַרטן נאָך ביכער.

גלאַטשטיין: יאָר, נאָך מיין בוך לידער — „געזאַנגען פון רעכטס צו לינקס" קומט אַ בוך עסייען. מיטן נאָמען „געזאַנגען פון רעכטס צו לינקס", האָף איך אַז מען וועט כאַפּן אַז דאָס האָט צו טאָן מיטן יידישן כתב, מיטן שריפט וואָס מען לייענט און מען שרייבט פון רעכטס צו לינקס. און טאָמער וועט מען זיך אָנשטויסן אַז דאָס האָט אויך עפּעס צו טאָן מיט פּאָליטישע נואַנסן, אַרט מיך אויך נישט. דאָס בוך עסייען וועט הייסן „אין דער וועלט מיט יידיש", דער נאָמען איז אַן אַרויספאָדער, גייענדיק אין דער וועלט מיט יידיש, קעגן שטראָם, קעגן אַלע סקעפּטיקערס, להכעיס אַלע פאָרויסזאָגונגען פון אונטערגאַנג. ס'וועט אויך אַרום אָנהייב 1972 דערשיינען אַ גרעסערע זאַמלונג פון מיינע לידער אויף ענגליש, איבערגעזעצט פון דער דיכטערין רות וויטמאַן, אַרויסגעגעבן פון „אָקטאָבער האַוז". ס'איז אויך, ווי איר ווייסט מסתמא, נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ קלענערע זאַמלונג פון מיינע לידער אויף ענגליש, דווקא אין מדינת ישראל. די איבערזעצערין איז די ענגלישע דיכטערין — עטאַ בלום. אַזוי אַז היינטיקס יאָר בין איך פאַרביכלט, היפּש פאַרביכלט.

הייבלום: איר זענט דאָך געווען אין מדינת ישראל, וואָס איז אייער מיינונג וועגן יידיש אין דער יידישער מדינה. קען דאָרט יידיש האָבן אַ תיקון? וועט דאָרט יידיש האָבן אַ צוקונפט?

גלאַטשטיין: זעט איר, איך האַלט אַז אויב אונדזער לשון יידיש זאָל נישט קאָנען געפינען אַ בכבודיקן אָרט אין מדינת ישראל, אַ באַקוועם אָרט, ווי ס'זאָל קאָנען זיך וואַרעמען לעבן אונדזער נאַציאָנאַל־לשון — העבראַיש, וואָלט עס געווען אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. אין ישראל לעבן און שאַפן איצטער עטלעכע צענדליק גוטע יידיש־שרייבערס, צווישן זיי אַ צענדליק גרויסע שרייבערס. ס'וואָלט געווען אַ הימל־שרייענדיקע עוולה, אַז זייער שאַפן זאָל נישט ווערן אַ טייל פון קנין אין לאַנד, ווי גאָלדע מאיר האָט געזאָגט, און זאָל נישט ווערן די ירושה פון דורות אין דער יידישער מדינה.

הייבלום: דאָס מיינט אַז איר זענט אָפּטימיסטיש.

גלאַטשטיין: אָפּטימיסטיש וועל איך זיין, אויב מ'וועט מיר צוהעלפן. מיט אַנדערע ווערטער, אויב ס'וועט דאָרט זיין אַן אַקטיווע פאָדערונג, אַ שטאַרקע פאָדערונג, אַז יידיש זאָל נישט בלייבן אַ מוזיי־שפּראַך, אַ שטודירטע, אַ געפאָרשטע, אָדער אַ מומיפיצירטע. איך האָב דעם גרעסטע דרך ארץ פאַר די אַלע יידן וואָס זיצן אין ירושלימער אוניווערזיטעט, איצט אויך אין תל אביבער אוניווערזיטעט, און מען לערנט יידיש אויף העבראַיש, מען לערנט וועגן דער יידישער ליטעראַטור. מען דערציט די יונגע אַקאַדעמיקער זיי זאָלן זיין באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז בפירוש אַ נחת צו זען ווי ס'זיצן יונגע העבראַישע יונגעלייט און אַרבעטן מיט גרויס חשק אויף יידישער ליטעראַטור און שרייבן דיסערטאַציעס. אָבער אַז עס טוט זיך גאָרנישט אַרום, אויב ס'איז נישטאָ קיין לעבעדיקע אַקטיוויטעט אַרום, אויב מען הערט נישט קיין יידיש אויף טעלעוויזיע (אויף טעלעוויזיע הערט מען לחלוטין נישט קיין יידיש, אויף ראַדיאָ אַביסל), אויב יידיש וועט נישט אַריינגענומען ווערן מיט כבוד גאָר אינגיכן, אין מיטלשול, וועט מיין אָפּטימיזם קריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ.

הייבלום: און דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן? וואָס פאַראַ צוקונפט זעט איר פאַר יידיש?

גלאַטשטיין: אין די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך, וואָס איך וואָלט גערופן אַן אָפּטי־פּעסימיסט. איך קען נישט כאַפּן קעלבערנע התפעלות און שרייען „הוראַ" אַז יידיש גייט אויף, אַז ס'גייען אויף אַזעלכע גוואַלטיקע ליכטער פאַר אונדזער יידיש לשון. אָבער איך בין צופרידן צו זען דעם קליינעם קאָנטינגענט יוגנט וואָס האָט אַן אינטערעס אין יידיש. זיי קומען אַליין צום באַוואוסטזיין. איך האַלט אַז דער דאָזיקער דריטער דור קאָן ברענגען אַ ישועה פאַר יידיש. מען דאַרף נישט האָבן קיין סך אַקטיווע יידיש־ליבהאָבערס. אַז איר וועט אַרויסגיין אויף דער גאַס און אַ פרעג טאָן אַן אַמעריקאַנער גוי, צי ער האָט ליב ענגליש, צי האַלט ער פון ענגלישן לשון, וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם. ווייל ליבשאַפט פאַר לשון איז אַ גרויסע, אַ הויכע מדרגה. אַז די דאָזיקע הויכע מדרגה ווערט מיט התלהבות איבערגענומען פון אַ קליינער מינדערהייט, גייט די ליבע אויך אַריין אין פאָלק. ס'זיינען דאָ יידישע יונגעלייט ביים היינטיקן טאָג, וואָס מ'האָט נישט געזען מיט 40 און 50 יאָר צוריק. ווען איך בין געגאַנגען אין ען. ווי. יו. אין קאַלעדזש און שטודירט געזעץ, האָבן יידישע סטודענטן זיך געשעמט צו זאָגן אַז זיי קענען אַ יידיש וואָרט.

הייבלום: היינט שעמט מען זיך מער נישט.

גלאַטשטיין: יאָ, היינט שעמט מען זיך מער נישט. אָט די בושה איז אַוועק. דער בזיון־קאָמפּלעקס אַרום יידיש איז אינגאַנצן אַוועק. אָדער יונגעלייט זיינען לחלוטין נישט אינטערעסירט אין יידיש, אָדער זיי קומען מיט אַ לעבעדיקן, וואַרעמען אינטערעס פאַר יידיש און פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און אין דעם ליגט אַ שטיקל האָפענונג. די גרויסע האָפענונג ווענדט זיך אין זיי, ווי דער דאָזיקער אינטערעס וועט זיך צעוואַקסן.

הייבלום: מען זאָגט אַז אַפילו אין ישראל, איז די שטימונג פאַר יידיש אַנדערש, ווי זי איז אַמאָל געווען צווישן די צאַבערס.

גלאַטשטיין: איך וועל אייך זאָגן. ווען איך בין געווען מיט אַ 10 יאָר צוריק אין ישראל, האָב איך די דאָזיקע שטימונג צווישן די צאַבערס נישט געזען. לעצטנס הער איך קלאַנגען פון ווייטן, אַז ס'איז יאָ דאָ אַן אינטערעס צו יידיש. פאַראַן עטלעכע העבראַישע פּאָעטן וואָס האָבן אַ זין פאַר יידיש, אָבער ווידעראַמאָל שפּילן זיך מיט יידיש איז נישט גענוג אין ישראל. אין ישראל דאַרף מען אַקטיוו זען, אַז יידיש זאָל קריגן אַן אָרט אין לעבן. יידיש ווי אַ תחביב, אַ „האָבי", איז נישט גענוג. מען קומט צו מיר אָפּט מאָל, און מען פרעגט מיך אַ קשיא: „וואָס טוט איר אויף דאָ פאַר יידיש, ביי זיך אין אַמעריקע". אויף דעם האָב איך אַן ענטפער: „גוט, מיר האָבן אָבער געפּרואווט, מיר פּרואוון נאָך אַלץ, מיר זיינען דורכגעפאַלן, לאָמיר זאָגן, אָבער מיר האָבן אויפריכטיק געפּרואווט. דערפאַר פאָדערן מיר אַז אונדזער יידישע מדינה זאָל אויך פּרואוון אַזוי שטאַרק ווי מיר האָבן געפּרואווט, אַז יידיש זאָל אַריין אין ישראלדיקן באַוואוסטזיין.

הייבלום: אַ דאַנק, פריינט גלאַטשטיין.

יעקב גלאַטשטיין:

# פונוואַנען איז אַ איד?

דער מידער פקיד פון יידישן לאַנד,
האַלט שוין דעם הונדערטסטן
פּאַס אין דער האַנט.
„שלום! פונוואַנען איז אַ ייד?"
פרעגט ער מיך, מיט אַ געגעץ,
ביים אַריבערגיין די יידישע גרענעץ.

„יעדער יידס פונוואַנען
איז פונדאַנען",
זאָג איך פּשוט און ערלעך.
דער מידער פקיד נעמט דעם פאַרוואָלקנטן שטערן
קנייטשן און טאַפּן.
ס'איז אים נעבעך מיין ענטפער
שווערלעך צו כאַפּן.

מיטאַמאָל ווערט ער מלא פרייד,
ס'לייטערט זיך אים אויס דער שטערן.
ער וויל דווקא נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל הערן מיינע רייד.
ער וויל זיי דווקא נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל הערן.

הייב איך אויף מיין קול,
חזר־איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.
אדרבא, וויבאַלד
ער האָט שוין פאַרשטאַנען.
בין איך נישט פויל אויף דער צונג:
יעדער יידס פונוואַנען איז פונדאַנען.

ער גיט אַ קלונג און נאָך אַ קלונג.
ביז ס'נעמט זיך צוזאַמען
אַ מנין פקידים.
מיר איז ניחא, כ'בין צופרידן,
גיב איך נאָך דעם פאַרלאַנג
פון אַ מנין יידן.

כ'רעד שוין נישט,
כ'ענטפער מיט געזאַנג,
יעדער יידס פונוואַנען
איז פונדאַנען.
אַלע האָבן דעם ניגון
באַלד אונטערגעכאַפּט.
אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען,
ברמיזא —
דעם פולן האַפּט
פון מיין יידישער וויזע.

דער מידער פקיד
ווערט מיט ברען דער דיריגענט.
פונוואַנען — פונדאַנען.
דער גאַנצער מנין פקידים
פּלעסקעט־צו מיט די הענט,
מען נעמט מיך אַריין אין קרענצל,
און ווי ליובאַוויטשער חסידים,
כאַפּן מיר אַלע צוזאַמען אַ טענצל.

פון דעם נייעם בוך לידער „געזאַנגען פון רעכטס צו לינקס"